בס"ד

## איך האב ליב

### די הייליגע

# יום טוב פורים

## ביכל




ארויסגעגעבן דורך הרב יואל קליין

PRODUCED BY: REALISTIC PRODUCTION

# Credits:

**Script Composed, Music, Choir Recording, Editing, Mixing, Mastering,**
All done by:

**YOEL KLEIN**
**RECORDING STUDIO**
**718-344-1708**

געזונגען און גערעדט דורך:
"די הייליגע קינדערלעך קווייער"

הערשי ארגעל
מאיר ארגעל
יודי בערגער
בערי גלויבער
מרדכי גרינוואלד
שאול ירמי' הירש
יוסי ווייס - מענדי
דוד הערש טייטלבוים
שרא'לי כ"ץ

בערל לוסטיגמאן - אסתר המלכה
מענדי קליין
אביגדור רובין
אפרים פישל שווארץ
אברמי שטערן
אברהם שטיינבערג
נתי שטרויס
מושי שפיטצער

## קינדער סאלאס

משנכנס: .........שאול ירמי' הירש. אפרים פישל שווארץ. הערשי ארגעל. בערי גלויבער
פורים שפיל: ..........................................................שרא'לי כ"ץ
עצו עצה: ..........................................הערשי ארגעל. שאול ירמי' הירש.מרדכי גרינוואלד
אידישע ניגון - תשובה: שאול ירמי' הירש. מרדכי גרינוואלד. הערשי ארגעל. דוד הערש טייטלבוים
ליהודים 1: ..........................................................אברמי שטערן
ליהודים 2: ..........................................................אפרים פישל שווארץ
שושנת יעקב 1: ..........................................................מאיר ארגעל. מרדכי גרינוואלד
שושנת יעקב 2: .......מרדכי גרינוואלד. הערשי ארגעל. אברמי שטערן.בערל לוסטיגמאן
ונהפוך:.....................................בערל לוסטיגמאן. שאול ירמי' הירש. הערשי ארגעל
קלי אתה:.....................................בערל לוסטיגמאן. דוד הערש טייטלבוים
חייב איניש: ......................................הערשי ארגעל. אפרים פישל שווארץ. מרדכי גרינוואלד
תשועתם: ..........................................................בערי גלויבער. בערל לוסטיגמאן

# מענער עקטערס

טאטע: הרב יואל קליין ~ מרדכי: ר׳ ישראל יוסף וועבער
אחשורוש: ח. גרין ~ המן: ר׳ אלעזר יואל גאלדבערגער

--------------------------------

**יישר כח פאר מיין געטרייע טאטע ר׳ אהרן צבי קליין שליט״א**
מלמד מומחה רבות בשנים
**פאר׳ן שטיין צו די האנט צו יעדע צייט**
**מיט אזא געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט**

--------------------------------

**יישר כח ר׳ אליעזר טארים**
פאר דיין הערליכע גראפיקס,
**איך האב נאך נישט געזעהן אזא גוטע און שנעלע סערוויס ווי ביי דיר**

--------------------------------

**יישר כח ר׳ שלמה קנאפלער**
פאר דיין הילף מיט די בילדער פון חינוך הילדים **1646-236-2760**

--------------------------------

**יישר כח המלמד ר׳ משה ראזענפעלד שליט״א**
פאר דיין ערשט האנטיגע הילף פאר׳ן Front cover

--------------------------------

**יישר כח המלמד רבי אלעזר ניסן פרידריך**
פאר׳ן ארויסהעלפן מיט געטריישאפט

--------------------------------

**יישר כח המלמד רבי ישראל יוסף וועבער**
פאר דיין שטענדיגע הילף צו יעדע צייט
**און פאר דיין פראפעסיאנאלע ארבייט צו מגיה זיין די ביכל**

--------------------------------

**אחרון אחרון חביב!**
צו מיינע טייערע קינדער שלמה יצחק און משה שמעון קליין
הרב יואל קליין

**און א עקסטערן גרויסע יישר כח...**

פאר די אלע חשוב׳ע עלטערן שיחי׳ פון **״די הייליגע קינדערלעך קווייער״** פארן ערמעגליכן זייערע קינדער צו אנטיילנעמען און דעם הערליכן און הייליגע סידי. און א עקסטערע דאנק פאר די אלע טייערע קינדער וואס האבן אוועקגעגעבן פון זייער ״פרייע צייט נאך נאכטמאל״ צו קומען אין סטודיא, און פאר ענקער געדולד און אויסערגעוועוועליכע גוטע און איידעלע אופפירונג אין סטודיא.

**מודעה:** קינדער וואס השי״ת האט זיי באשאנקען מיט א שיינע שטימע און א געבוירענע טאלאנט צו זינגען, אדער אז איר ווילט וויסן אויב אייער קינד איז פאסיג צו זיין א חלק און **״די הייליגע קינדערלעך קווייער״**, אדער פאר מער פרטים וויאזוי דאס גייט צו, שפירט אייך פריי צו רופן: 718-344-1708 די סטודיא געפינט זיך און הארץ פין וויליאמסבורג.





**© Copyright 2013**
Realistic Production Inc.


Email: yk@kstudio1.com

**איך האב ליב**

די הייליגע

# יום טוב פורים

## CD 1

1) ניגון - משנכנס
2) אַ גוטן חודש אדר
3) **ניגון - פורים שפיל**
4) ראש חודש נאכטמאל
5) מגילה קאפיטל א'
6) מגילה קאפיטל ב'
7) מגילה קאפיטל ג'
8) מגילה קאפיטל ד'
9) מגילה קאפיטל ה'
10) תהלים קאפיטל כ"ב
11) ניגון - עצו עצה
12) מען טוהט תשובה
13) די קינדער רייסן איין
14) **ניגון - תשובה**
15) די קינדער פועל'ן די ישועה
16) מגילה קאפיטל ו'

## CD 2

1) המן'ס מפלה
2) מגילה קאפיטל ז'
3) **ניגון - ליהודים 1**
4) **ניגון - ליהודים 2**
5) **ניגון - ליהודים 3**
6) מגילה קאפיטל ח'
7) **ניגון - שושנת יעקב 1**
8) **ניגון - שושנת יעקב 2**
9) קבלת התורה בשמחה
10) מגילה קאפיטל ט' - י'
11) **ניגון - ונהפוך הוא**
12) מ'הענגט המן'ס קינדער
13) **ניגון - קלי אתה**
14) זיך אויפפירן איידל פורים
15) **ניגון- חייב איניש**
16) די מצוות פון פורים
17) פורים האט א כח
18) **ניגון - תשועתם**

CD 1 - Track 1

ניגון

## מִשֶׁנִכְנָס

# מִשֶׁנִכְנָס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

CD 1 - Track 2

**מענדי-בערי-שראלי:** א גוטן טאג טאטי!

**טאטע** אָה! א גוטן טאג קינדערלעך! א פריילכן חודש אדר! עטס קוקטס אויס צו זיין זייער פריילך!

**מענדי:** אוודאי, ס'איז היינט ראש חודש אדר, די פריילכסטע צייט אין יאר!

**בערי:** מיין רבי לערנט שוין פון די "הייליגע יו"ט פורים"!

**שראלי:** איך קען שוין די פורים שפיל.

**טאטע:** די פורים שפיל? לאמיר הערן...

**שראלי:** אקעי. איך גיי עס זינגען:

CD 1 - Track 3

ניגון

## פּוּרִים שְׁפִּיל

**פּוּרִים אִיז שׁוֹין דָא**

**אִין אַ מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה**

**סְ'אִיז פְּרֵיילִיך אִין יֶעדֶע שְׁטוּב**

**אַ יֶעדֶער הָאט עֶס לִיבּ**



**דִי שְׁלֶעכְטֶע הָמָן**
**אוֹיסְמֶעקְן זַיין נָאמֶען**
**הָאט גֶעוָואלְט דִי אִידְן אוּמְבְּרֶענְגֶען**
**אוּן מָרְדְכַי הַצַדִיק אוֹיפְהֶענְגֶען**
**דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקֶערְט**
**אוּן דִי גְזֵירָה הָאט עֶר צוּשְׁטֶערְט**
**הָמָן הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף דִי תְּלִי'**
**אוּן דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אַ יְשׁוּעָה.**

**מענדי-בערי: וַואו... זינגסט שיין!**



CD 1 - Track 4

**מענדי:** יא פורים!! מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף, ס'גייט זיין פריילך! טאטי, ווען גייט מען ארויפברענגען די פורים באקס?

**בערי:** יא די פורים באקס! וואו ס'ליגט אלע פארשטעלעכצער, די גראגער!

**מענדי:** פאר א יאר בין איך געווען א כהן גדול!

**בערי:** הערה... ווארטס נאר ווילאנג איך גיי מיך פארשטעלן, און "קיינער" גייט מיך נישט דערקענען!! בעעההה... איך בין מרדכי הצדיק, מיט א גרויסע ווייסע בארד...

**מענדי:** יוי... א אינגל מיט א זיידע בארד! לאמיך עס זען?

**בערי:** ע'... שלעפ נישט מיין בארד! אַהו!

**מענדי:** אַהו? ס'איז נישט קיין עכטע.

**טאטע:** אקעי קינדער. יעצט קומט יעדער עסן זייער א געשמאקע ראש חודש סאפער!

**בערי:** סאפער? פונקט יעצט?

**מענדי:** הממממ... איך וויל יעצט גיין שפילן מיט טויס.

**בערי:** מענדי, לאמיר טון וואס א ערליך אידיש קינד דארף טון, פאלגן טאטע מאמע מיט איינמאל הייסן!

**מענדי:** בערי, דו ביסט גערעכט! איך וויל יעצט גיין שפילן, אבער אז טאטי אדער מאמי הייסן, גיי איך גלייך פאלגן, און פאלגן מיט א שמייכל! קודם גיי איך עסן סאפער, און נאכדעם וועל איך גיין שפילן. און איך וועל זיין א וואוילע אינגל!

**שראלי:** טאטי, ווילאנג מיר עסן סאפער, קענסטו אונז פליז דערציילן די מעשה פון די הייליגע מגילה און די נס פורים?

**טאטע:** אוודאי, זייער גערן!

**קינדער:** יע'...



**טאטע:** די הייליגע מגילה איז א לאנגע מעשה וואס מרדכי הצדיק און אסתר המלכה האבן אפגעשריבן מיט רוח הקודש, און זיי האבן עס איז איינגעטיילט און צען קאפיטלעך. קאפיטל א׳, קאפיטל ב׳, קאפיטל ג׳, און אזוי ווייטער קאפיטל ד׳ ה׳ ו׳ ז׳ ח׳ ביז קאפיטל ט׳ און י׳.

די הייליגע מעשה הייבט זיך אן מיט קאפיטל א׳.

CD 1 - Track 5

## קאפיטל א׳

**וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ:**

**טאטע:** איינמאל איז געווען זייער א גרויסע קעניג, וואס האט געהייסן אחשורוש! די הייליגע באשעפער האט געמאכט אז ער זאל זיין א קעניג אויף הונדערט זיבן און צוואנציג לענדער, און אחשורוש איז געווען אזוי פריילך, אז ער האט געזאגט:

**אחשורוש:** איך בין שוין דריי יאר אזא מעכטיגע קעניג! איך האב א ריזיגע גרויסע הויז, און איך האב אסאך געלט, און אסאך באדינערס וואס ארבעטן פאר מיר, און איך גיי מאכן א ריזיגע סעודה! עס גייט זיין דעלישעס עסן און טרינקען. אלע גוים זאלן קומען! אויך גיי איך געבן כשר׳ע עסן אז אלע אידן זאלן קומען. העע... און די אידן וועלן עסן צוזאמען מיט די גוים! הא הא הא...

**בערי:** איך פארשטיי נישט. אידן זאלן גיין עסן צוזאמען מיט טריפה׳נע גוים?

**טאטע:** עס איז טאקע געווען א גרויסע צדיק וואס האט געהייסן...

**קינד:** "מרדכי הצדיק"!

**טאטע:** און ער האט צוזאמגערופן אלע אידן און שול און אויסגערופן הויך:

**מרדכי:** טייערע אידן! א איד טאר נישט גיין צו די סעודה פון אחשורוש! דארט גייען זיצן אלע טמא׳נע גוים, און זיי גייען זינגען זייערע טריפה׳נע ניגונים וואס א איד טאר נישט הערן! טייערע אידן, אפילו אחשורוש געבט כשר׳ע עסן, א אידיש קינד טאר נישט זיצן ביי א סעודה צוזאמען מיט גוים. ס׳איז א



גרויסע עבירה! און די הייליגע באשעפער קען שטארק שטראפן. קיינער זאל נישט גיין צו די סעודה פון אחשורוש! ווער עס וועט גיין צו די סעודה זאל וויסן אז ער וועט פארשעמען און אויפרעגן די הייליגע באשעפער! קיינער זאל נישט גיין צו די סעודה פון אחשורוש!

**טאטע:** אבער ליידער זענען געווען זייער אסאך אידן וואס האבן נישט געפאלגט מרדכי הצדיק, און זיי זענען יא געגאנגען צו די סעודה פון אחשורוש צוזאמען מיט אלע גוים.

די אידן וואס זענען געגאנגען אן רשות צו סעודה פון אחשורוש, האבן געזען ווי אחשורוש זיצט און עסט און טרינקט, און עסט נאך, און טרינקט נאך, און עסט נאך נאך... און טרינקט נאך נאך... און הערט נישט אויף צו עסן, און הערט נישט אויף צו טרינקען! ער האט געהאט א ריזיגע גרויסע גלאז! און ער האט זיך אנגעגאסן ביז אויבן, און אויסגעטרינקען די גאנצע גלאז מיט שטארקע וויין, ביז אחשורוש איז געווארן א שיכור! און די טמא'נע גוים זינגען און זיי טאנצן! אוי, א אידישע מענטש טאר דאס נישט זען!



אבער לײדער זענען געווען דארטן אסאך אידישע מענטשן, וואס זיי האבן געפאלגט די יצר הרע. זיי האבן געטון זייער א גרויסע עבירה, ווייל זיי האבן זיך מיטגעפרייט מיט אחשורוש. אחשורוש איז שוין געווען אזוי שיכור, און ער האט זיך אויפגעשטעלט, און ער פאנגט אן צו רעדן:

**אחשורוש:** איך בין אחשורוש! הע... יעדער איינער זאל שרייען "אחשורוש"!

**מענטשן:** "אחשורוש"!

**אחשורוש:** איך הער נישט!

**מענטשן:** "אחשורוש"!

**אחשורוש:** העכער!!

**מענטשן:** "אחשורוש"!!!

**אחשורוש:** אקעי שטיל! שוין שוין שוין... גענוג געווען! הע הע... איך האב אסאך געלט! אסאך גוטע עסן און טרינקען! איך בין א שטארקע מעכטיגע קעניג! און ווען איך הייס עפעס, פאלגט מען! יעצט לאמיר זינגען און שרייען: "אחשורוש די גרויסע קעניג!.."

**מענטשן:** "אחשורוש די גרויסע קעניג!.."

**אחשורוש:** העכער!! נישט קענדי... קעניג! אקעי שטיל. שטיל זאל זיין! הע הע.. איך האב א גוטע עצה. הע הע.. די פרוי פון א קעניג הייסט א קעניגן. און איך האב אויך א קעניגן! עטס ווייסטס וויאזוי "מיין" קעניגן הייסט? זי הייסט "ושתי"! און זי מאכט אויך א גרויסע פארטי פאר אלע מאמעס. באדינערס, ברענגטס מיר אהער מיין קעניגן ושתי! איך וויל איר ווייזן פאר יעדן איינעם, מיין ושתי!

**טאטע:** עטס ווייסטס קינדער? ושתי איז געווען זייער א שלעכטע קעניגן. זי האט גענומען אידישע מיידעלעך זאלן ארבעטן פאר איר. און ווען ס'איז געווען שבת קודש, האט ושתי געהייסן אז די אידישע מיידעלעך מוזן אפוואשן די פלאר, און טון אנדערע זאכן וואס מ'טאר נישט טון אין שבת!

**קינד:** שבת קודש?? ארבעטן? וואשן די פלאר? מען טאר נישט שבת קודש ארבעטן! שבת קודש דארף מען זיך אפרוען!

**טאטע:** די אידישע מיידעלעך, האבן טאקע נישט געוואלט ארבעטן שבת. אבער די שלעכטע קעניגן ושתי, האט גענומען א גרויסע שטעקן און אנגעפראסקעט די אידישע מיידעלעך! ס'האט אזוי שטארק וויי געטון!



# יום טוב פורים

די אידישע מיידעלעך האבן אזוי געוויינט צו די הייליגע באשעפער, אז ער זאל זיי העלפן, און אוועקנעמען פון זיי די שלעכטע ושתי.

**קינד:** ווען א איד וויינט און בעט צו די הייליגע באשעפער, הערט די הייליגע באשעפער אויס, און ער העלפט!

**טאטע:** ושתי האט טאקע באקומען א שטראף. ווען די באדינערס פון אחשורוש זענען געקומען רופן ושתי, האט ושתי געזאגט:

**ושתי:** שָאאאר! איך גיי אריין אין מיין שטוב שוין, און איך גיי זיך אנטון זייער זייער שיין. ווארטס א מינוט. איך קום, איך קום שוין! ווארטס ווארטס...

**טאטע:** ושתי איז ארייגעגאנגען אין איר שטוב זיך אנטון.

**ושתי:** אקעי. איך גיי מיך יעצט אנטון זייער שיין! און איך קום שוין. אקעי, מיין שיינע נייע הוט! און מיינע שיינע קליידער! און.. אהה!!!... ס'קומט דאך פון מיר ארויס א ווידל! אוי... ס'ווערט גרעסער און לענגער! און נאך גרעסער! יוי... איך קוק דאך אויס ווי א מאנקי! יוי...

**קינד:** און אויך האט די הייליגע באשעפער געשטראפט, און זי האט באקומען קרעץ, פימפלעך, איבעראל!

**טאטע:** ושתי האט זיך זייער געשעמט צו גיין צו אחשורוש מיט קרעץ און א גרויסע ווידל, און זי האט זיך באהאלטן אונטער'ן טיש.

**באדינערס:** ושתי, די קעניג אחשורוש רופט דיך. לאמיר גיין!

**ושתי:** ניין ניין! זאג פאר אחשורוש איך גיי נישט. בשום אין אופן. איך וויל נישט!

**טאטע:** די באדינערס זענען צוריקגעגאנגען צו אחשורוש און זיי האבן דערציילט:

**באדינערס:** אחשורוש, ושתי האט זיך איינגעשפארט אין איר שטוב, און זי שרייט אז זי וויל נישט קומען!

**אחשורוש:** וואס?? איך האב געהייסן ושתי קומען, און זי פאלגט נישט די גרויסע קעניג אחשורוש!! אזא חוצפה! איך בין אזוי אויפגערעגט.. בררררר... ושתי וויל נישט קומען! ושתי וויל נישט קומען! באדינערס. וואס זאל מען טון??

**טאטע:** עס איז געווען א באדינער וואס מ'האט אים גערופן "ממוכן"! קינדערלעך, ווייסן ענק ווער דער ממוכן איז געווען?

**קינד:** יא, "המן הרשע"!

**טאטע:** און המן הרשע האט געזאגט פאר אחשורוש:



**המן:** ס'איז א חוצפה! ושתי וויל נישט פאלגן דעם גרויסן קעניג אחשורוש! דארף מען איר הרג'ענען!

**אחשורוש:** יא, דאס איז א גוטע עצה. פאליס, גייטס צו ושתי. ברעכטס אויף די טיר און עטס זאלטס איר הרג'ענען!

**טאטע:** עטס זעטס קינדערלעך? יא, דאס איז א גוי. ער עסט זיך אן. ער טרינקט זיך אן, און אויב איינער טוט נישט וואס ער וויל, ער רעגט זיך, ער שרייט, ער שלאגט, ער הרג'עט. זעט עטס שוין פארוואס א אידיש קינד טאר נישט גיין צוזאמען מיט גוים צו א סעודה? און די פאליס איז אנגעקומען צו ושתי.

**פאליציי:** ושתי, מאך אויף די טיר. יעצט! מאך אויף די טיר! מאך אויף די טיר! נו! אקעי, אונז גייען אויפברעכן די טיר! .... וואו איז ושתי? טאקע, וואו איז ושתי? איך זע איר נישט. יוי, איך מיין ס'איז דא א דאגי. איך זע א ווידל שטעקט זיך ארויס אונטער די טיש!... לאמיך זען! ושתי?! געטס א קוק. ושתי האט א ווידל מיט קרעץ! ושתי איז א דאגי!... הא הא הא... זי זעט אויס ווי א מאנקי... זי זעט אויס ווי א נעבעך... זי האט פימפלס... זי האט קרעץ... וואס גייט פאר מיט איר?

**טאטע:** און די פאליס האבן איר ארויסגעשלעפט פון אונטער די טיש, און זיי האבן איר גע'הרג'עט!

**קינדער:** יעי!!

**קינד:** יא, דאס איז געווען א גוטע שטארף פאר ושתי!

CD 1 - Track 6

## קאפיטל ב'

**טאטע:** די גרויסע סעודה האט זיך געענדיגט, און אחשורוש איז געגאנגען שלאפן! ס'איז געווארן צופרי, אחשורוש וועקט זיך אויף.

**אחשורוש:** גוט מארגן! וואו איז ושתי? אוי... ושתי איז מער נישטא! מ'האט איר גע'הרג'עט! וואס טו איך? באדינערס, גייטס ארויס און זוכטס אויף א נייע קעניגן, וואס זאל זיין אנשטאט ושתי.

**טאטע:** און די פאליס האבן געברענגט זייער אסאך מיידעלעך צו אחשורוש.



**אחשורוש:** נעע.. דאס איז נישט פאר מיר!

**טאטע:** מ׳האט געברענגט נאך איינעם.

**אחשורוש:** נאופס... דאס אויך נישט.

**טאטע:** און מ׳ברענגט נאך איינעם.

**אחשורוש:** נאופס... דאס אויך נישט.

**טאטע:** אחשורוש איז פון קיינעם נישט געווען צופרידן! און ער שרייט:

**אחשורוש:** ברענגט מיר שוין איינס, אבער א גוטס!

**טאטע:** עס איז געווען א ערליכע אידישע מיידל וואס האט געהייסן "אסתר", און זי האט געוואוינט אין מרדכי הצדיק'ס הויז. עטס ווייסטס ווער עס איז געווען די פעטער פון אסתר?

**קינד:** מרדכי הצדיק!

**טאטע:** אסתר איז געווען א גרויסע צדיקת. זי האט נישט געוואלט אז די פאליס זאל איר טרעפן און טראגן צו אחשורוש, און אסתר האט זיך באהאלטן.

**קינד:** אבער ס'איז נישט געלונגען, און די פאליס האט איר געטראפן! האט מרדכי הצדיק איר געזאגט:

**מרדכי:** אסתר, אז ס'איז יא אזוי? איך האב א גוטע עצה. זאג נישט פאר אחשורוש. זאג נישט אז די ביסט א איד! זאג נישט פון וועלכע משפחה די קומסט! אפשר אזוי, וועט דיך אחשורוש נישט וועלן נעמען.

**אסתר:** א ערליכע אידישע מיידל, זאל זיין די קעניגן פון א גוי אחשורוש?

**מרדכי:** אסתר, דו האסט נישט קיין ברירה. קוק די פאליס נעמט דיך. האב אמונה! אמונה מיינט, גלייב אונעם הייליגען באשעפער אז וואס ער טוט איז נאר גוט!

**טאטע:** און אסתר איז אנגעקומען צו די קעניג אחשורוש. אחשורוש זיצט זיך אזוי אויף זיין גרויסע בענקל מיט גרויסע אויגן גלעזער. ער קוקט אויף אסתר און ער רופט זיך אן:

**אחשורוש:** אָהה... וויאזוי הייסטו?

**אסתר:** איך הייס אסתר.



**אחשורוש:** פון וועלכע משפחה ביסטו?... וואס ביסטו?... דו ווילסט נישט רעדן? אקעי אסתר, אבער דיך האב איך זייער ליב! מען גייט דיך אנטון א קרוין, און פון היינט אין ווייטער וועסטו זיין די נייע קעניגן!

**טאטע:** וועגן דעם האט מען איר גערופן "אסתר המלכה"! א מלכה מיינט א קעניגן. און אחשורוש האט צוזאמגערופען אלע זיינע באדינערס און ער האט געמאכט א שיינע גרויסע סעודה לכבוד אסתר המלכה. אסתר המלכה האט געבעטן פון אחשורוש אז מען זאל נעמען איר פעטער מרדכי הצדיק צו ארבעטן ביי די קעניג, און אחשורוש האט מסכים געווען. און אזוי האט אסתר המלכה ווייטער געקענט זיין נאנט צו איר פעטער מרדכי הצדיק, וואס האט געלערנט מיט איר וויאזוי א אידישע מיידל דארף זיך אויפפירן.



איינמאל האט מרדכי הצדיק געהערט ווי צוויי באדינערס פון אחשורוש, איינער האט געהייסן "בגתן", און איינער געהייסן "תרש", רעדן עפעס א פאני שפראך: .... אחשורוש .... הרג'ענען .... זיי האבן געמיינט אז קיינער פארשטייט נישט וואס זיי רעדן. אבער מרדכי הצדיק האט געקענט אלע שפראכן, און ער האט יא פארשטאנען וואס בגתן און תרש זאגן. ער האט געהערט ווי זיי זאגן אז זיי גייען נעמען סם, אריינלייגן אין די וויין וואס אחשורוש טרינקט, און אחשורוש גייט ווערן טויט!

מרדכי הצדיק האט עס שנעל פארציילט פאר אסתר, און אסתר המלכה האט עס שנעל פארציילט פאר אחשורוש. אחשורוש האט געשיקט פאליס, און זיי האבן גענומען בגתן ותרש, און אויפגעהאנגען אויף א בוים! און זיי זענען געשטארבן. אחשורוש האט זיך זייער געפרייט און ער האט געזאגט:





**אחשורוש:** איך גיי ארייגשרייבן אין מיין גרויסע בוך אז מרדכי האט געראטעוועט מיין לעבן, ווען בגתן מיט תרש האבן מיך געוואלט הרג'ענען!

CD 1 - Track 7

## קאפיטל ג'

**טאטע:** די קעניג אחשורוש האט געזאגט:

**אחשורוש:** איך האב זייער ליב המן, און איך גיי אים מאכן זייער גרויס. וואו המן גייט, דארף יעדער אראפבייגן די נאז ביז די פלאר, און זיך ביקן צו אים.

**טאטע:** המן האט געלייגט אויף זיין העמעד א גרויסע, טמא'נע עבודה זרה! קינדערלעך, מעג זיך א איד ביקן צו א גוי? און נאכדערצו ער האט אויף זיין העמעד אן עבודה זרה?

**קינדער:** חלילה!

**קינד:** און מרדכי הצדיק האט זיך טאקע נישט געביקט!

**טאטע:** ווען המן האט געזען אז מרדכי הצדיק וויל זיך נישט ביקן צו אים, אדער צו זיין עבודה זרה, האט ער זיך אויפגערעגט!

**המן:** א חוצפה! מרדכי וויל זיך נישט ביקן צו מיר! א חוצפה! איין מינוט, פארוואס וויל זיך מרדכי נישט ביקן צו מיר? אה! איך ווייס, ווייל מרדכי איז א איד! איך בין מורא'דיג ברוגז אויף דעם! הממם... עהה.. איך ווייס וואס איך גיי טון. איך גיי יעצט אויסזאגן פאר אחשורוש אז איך וויל הרג'ענען מרדכי. הממ... איך בין אויפ'ן וועג צו אחשורוש. הממ... וואס עפעס נאר מרדכי? איך וויל אויס'הרג'ענען אלע אידישע קינדער! יעדן איינעם. זיידעס, באבעס, טאטעס, מאמעס, אינגעלעך, מיידלעך און בעיבים.

**טאטע:** המן הרשע האט געמאכט א גורל, ווען ער זאל הרג'ענען די אידן, און דער גורל איז אויסגעקומען דער דרייצנטער טאג אין חודש אדר. און המן איז געגאנגען צו אחשורוש און ער האט אים געזאגט:

**המן:** זאג נאר, איך וועל דיר געבן אסאך געלט. סוי וואס זאגסטו? דו לאזט מיר אויס'הרג'ענען אלע אידן?



**אחשורוש:** הע הע.. איך דארף נישט דיין געלט! דא האסטו מיין רינגל וואס האט מיין זיגל, און דו קענסט טון מיט די אידן וואס דו ווילסט!

**המן:** האא... ישר כח, ישר כח! שיין זייער גוט!

**טאטע:** די רינגל פון א קעניג האט א זיגל, און ווען מ'שרייבט אויף א פעיפער און מ'לייגט ארויף די זיגל פון די קעניגס רינגל, איז פונקט אזוי ווי די קעניג האט געהייסן, און יעדער איינער מוז פאלגן וואס ס'שטייט אויף די פעיפער. און המן האט געהייסן אלע באדינערס זאלן שרייבן אסאך בריוון, אין יעדע בריוו זאלן זיי ארויפלייגן די זיגל פון די קעניג'ס רינגל. און יעדער וועט מוזן פאלגן, אז די דרייצנטע טאג אין חודש אדר מעגן די גוים אויס'הרג'נען אלע אידן חס ושלום!. און מ'האט ארויסגעשיקט די בריוון צו אלע גוים וואו אחשורוש איז געווען קעניג. און המן הרשע האט זיך אראפגעזעצט מיט אחשורוש און אנגעפאנגען אויסלאכן פון אלע אידן!

**אחשורוש:** הע הע... ס'וועט זיין גוט! המן, לאמיר טרינקען א גלעזל וויין!

**המן:** מ'גייט הרג'ענען אלע אידן! און לאמיר זיך אויסלאכן... העהע...

CD 1 - Track 8

## קאפיטל ד'

**טאטע:** מרדכי הצדיק האט געהערט אז די קעניג אחשורוש לאזט המן הרשע הרג'ענען אלע אידן. אוי וויי, אזא שלעכטע זאך! ער האט אויסגעטון זיינע שיינע קליידער, און מרדכי הצדיק האט זיך אנגעטון א גרויסע זאק. א זאק איז אזוי ווי א גרויסע בעג וואס איז געמאכט פון סחורה, און מרדכי הצדיק האט ארויפגעלייגט אויף דעם אַש. אַש, איז שווארצע ברעקעלעך וואס קומט פון א פייער, און אזוי איז מרדכי הצדיק ארויסגעגאנגען אויף די גאס, און אלע אידן האבן געזען ווי מרדכי הצדיק גייט אויף די גאס מיט א זאק און אַש! און זיי האבן געפרעגט, פארוואס? און מרדכי הצדיק האט אנגעהויבן צו וויינען און שרייען:

**מרדכי:** אוי וויי, אוי וויי! די הייליגע באשעפער וויל אונז שטראפן. עטס געדענקסט נאך ווען אחשורוש האט געמאכט א גרויסע סעודה, און ער האט גערופן ושתי, און ושתי האט נישט געוואלט קומען, איך האב ענק געזאגט אז



א איד טאר נישט גיין צו סעודה צוזאמען מיט טמנ'א גוים! אבער עטס האטס נישט געפאלגט! עטס זענטס יא געגאנגען. אוי ווי, עטס האט געטון אזא גרויסע עבירה, און יעצט איז די הייליגע באשעפער אזוי ברוגז! די הייליגע באשעפער האט געמאכט א גזירה. די גזירה איז א שטראף, אז ער לאזט המן נעמען די גוים און הרג'ענען אלע אידן! אזא שלעכטע זאך. אוי ווי! אוי ווי! אוי ווי! טייערע אידן מיר מוזן טון תשובה! מיר מוזן איבערבעטן די הייליגע באשעפער. מיר מוזן בעטן אז די הייליגע באשעפער זאל צורייסן די גזירה, די שטראף!

**טאטע:** אלע אידן האבן אנגעהויבן צו זאגן תהלים. די אידן האבן געפאסט אזויווי יום כיפור. זיי האבן געוואלט איבערבעטן די הייליגע באשעפער.

**טאטע:** אסתר המלכה האט געהערט אז מרדכי הצדיק גייט אויף די גאס מיט א זאק, און אַש, האט אסתר המלכה שנעל געשיקט שיינע קליידער פאר מרדכי הצדיק.



געגומען פון די בוך א הילף פאר דעם קינד

אבער ער האט עס נישט געוואלט אנטון, און האט זיך ווייטער ארומגעדרייט מיט א זאק און ער האט געוויינט. האט אסתר המלכה געשיקט א באדינער. איר באדינער האט געהייסן, מיסטער התך! דאס איז געווען זיין נאמען, התך.

**אסתר:** מיסטער התך, מרדכי הצדיק דרייט זיך מיט א זאק, ער וויל ער נישט אנטון די שיינע קליידער. גיי שנעל און פרעג אים, ווען-וואס וויינט ער? וואס גייט פאר? וואס איז געשען? יוי נעבעך!

**טאטע:** און התך איז געגאנגען אויף די גרויסע גאס, און ער האט געטראפן מרדכי הצדיק מיט די זאק און ער וויינט, און התך האט געזאגט פאר מרדכי הצדיק:

**התך:** אסתר המלכה האט מיך געשיקט דיך פרעגן, ווען-וואס וויינסטו? וואס איז געשען?

**מרדכי:** התך, גיי זאג פאר אסתר המלכה, אז המן האט געגעבן אסאך געלט פאר די קעניג אחשורוש, אז ער זאל מעגן אויס'הרגענען אלע אידן! אוי... אזא שלעכטע גזירה! גיי זאג פאר אסתר המלכה אז יעצט זאל זי יא אויסזאגן פאר אחשורוש אז זי איז א איד, און המן גייט הרג'ענען אלע אידן אפשר וועט אחשורוש צוריקציען און נישט לאזן המן הרג'ענען אלע אידן.

**טאטע:** ווען אסתר המלכה האט געהערט פון התך וואס מרדכי הצדיק בעט, האט אסתר המלכה געזאגט:

**אסתר:** מיסטער התך, גיי זאג פאר מרדכי הצדיק אז די קעניג אחשורוש לאזט קיינעם נישט קומען צו אים אן רשות, אויך נישט מיך, און ווער ס'פאלגט נישט, גייט ער אים הרג'ענען. נאר אויב אחשורוש שטרעקט אויס זיין גרויסע גאלדענע שטעקן מעג מען ארייגגיין צו אים, אבער ס'איז שוין אדורך דרייסיג טעג, און די קעניג אחשורוש האט מיך נישט גערופן. איך קען נישט ארייגגיין צו די קעניג אחשורוש אן רשות!

**טאטע:** אבער מרדכי הצדיק האט געבעטן:

**מרדכי:** אסתר, איך ווייס אז די הייליגע באשעפער קען העלפן און ער וועט זעכער העלפן, אבער דו אסתר, דו דארפסט פראבירן, ווער ווייסט? אפשר האט דיך די הייליגע באשעפער געמאכט אז דו זאלסט ווערן די קעניגן, טאקע אז דו זאלסט יעצט קענען ראטעווען אלע אידן!



**אסתר:** מיין טייערע פעטער מרדכי, בעט אלע אידן אז זיי זאלן פאסטן דריי טעג. אויך איך גיי פאסטן, און מיר וועלן צוזאמען שטארק איבערבעטן די הייליגע באשעפער, און נאכדעם וועל איך פראבירן אריינצוגיין צו די קעניג אחשורוש אן רשות.

**טאטע:** מרדכי הצדיק האט צוזאמגערופן אלע אידן, און זיי האבן געפאסט און תשובה געטון, און איבערגעבעטן די הייליגע באשעפער!

CD 1 - Track 9

## קאפיטל ה׳

**טאטע:** עס איז אדורך געגאנגען איין טאג, דער צווייטער טאג, און אסתר המלכה גייט צו אחשורוש אן רשות! זי גייט און גייט... אין די גרויסע פאלאץ פון אחשורוש. די ווענט זענען געווען אנגעפולט מיט טמא׳נע פיקשטערס פון עבודה זרה, אויף וואס א אידיש קינד טאר נישט קוקן! אסתר המלכה האט זייער מורא. קינדערלעך, וואס דארף א איד טון אויב מ׳האט מורא?

**קינד:** מ׳בעט פון די הייליגע באשעפער!

**טאטע:** זייער גוט, און אסתר המלכה האט זיך אפגעשטעלט. זי האט ארויסגענומען א ׳תהלים׳, זי האט אויפגמישט קאפיטל כ״ב, און זי האט זייער ערליך געבעטן פון די הייליגע באשעפער.

CD 1 - Track 10

**לַמְנַצֵּחַ אֶל אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר מִזְמוֹר לְדָוִד.**

**אִיךְ גֵיי צוּ אַחַשְׁוֵרוֹשׁ נִישְׁט פַּאר מַיין כָּבוֹד.**

**קֵלִי קֵלִי, דוּ זָאלְסְט מִיט מִיר מִיטְגֵיין.**

**לָמָה עֲזַבְתָּנִי, לָאז מִיךְ נִישְׁט אַלֵיין.**

**טאטע:** יעצט האט אסתר המלכה געשפירט, ווי די הייליגע באשעפער גייט צוזאמען מיט איר. זי גייט ווייטער און ווייטער ביז זי איז אנגעקומען צו די קעניג אחשורוש, אן רשות! און, ברוך השם אחשורוש האט אויסגעשטרעקט די גאלדענע שטעקן, און אסתר המלכה האט אנגערירט די שטעקן, און זי האט געמעגט אריינגיין!



**אחשורוש:** אהה אסתר המלכה, וואס ווילסטו? דו קענסט בעטן פון מיר וואס דו ווילסט. איך וועל דיר געבן אפילו א האלב פון מיין קעניגרייך!

**אסתר:** א גוטן טאג הויכגעשעצטער קעניג אחשורוש. איך גיי היינט מאכן א קליינע סעודה און נאר די קעניג אחשורוש און המן מעגן קומען. אקעי?

**אחשורוש:** א סעודה? עסן? טרינקען? בין איך אלעמאל גרייט הע הע... באדינערס, שנעל זאגטס פאר המן אז אסתר המלכה מאכט א סעודה נאר פאר אונז! הא הא...

**טאטע:** אינמיטן די סעודה האט אחשורוש נאכאמאל געזאגט פאר אסתר המלכה:





**אחשורוש:** אממ.. פיינע עסן.. אבער אסתר, וואס ווילסטו פון מיר? בעט! אפילו... איך געב דיר אפילו האלב פון מיין גאנצע קעניגרייך, זייער אסאך געלט. וואס ווילסטו?

**טאטע:** אבער אסתר המלכה האט געוואוסט, אז עס איז נאך נישט געענדיגט די דריי טעג וואס די אידן פאסטן, און די אידן דארפן נאך אסאך דאווענען און תשובה טון, וועגן דעם האט זי נאכנישט געוואלט זאגן פאר אחשורוש וואס זי וויל, נאר זי האט געזאגט:

**אסתר:** ווייסטו וואס? מארגן גיי איך נאכאמאל מאכן א סעודה, און נאכאמאל גיי איך רופן נאר דיך אחשורוש מיט המן, און מארגן וועל איך דיך שוין זאגן וואס איך וויל. אקעי?

**אחשורוש:** אקעי. מארגן נאך א סעודה! אקעי.

**טאטע:** המן הרשע איז געווארן אזוי פריילין!

**המן:** הע... אסתר המלכה מאכט א סעודה פאר אחשורוש, הע... און נאר איך מעג גיין! נאר איך איך איך... הא הא... איך גיי יעצט אהיים. איך בין אזוי פריילין, וויל וואו איך גיי, און יעדער איינער בייגט זיך אראפ זיין נאז ביז צו די פלאר, און יעדער איינער ביקט זיך פאר מיר. הע הא! איך בין אזוי פריילין! קוק אים אן. מרדכי! נאר ער, ביקט זיך נישט פאר מיר! א חוצפה?! מרדכי וויל זיך נישט ביקן פאר מיר 'המן'? און ער הייבט נאך אויף זיין פוס, אין ער ווייזט מיר זיין שיך?! המממ... יוי... יוי... איך בין זייער אויפגערעגט!

איך גיי אהיים, און איך גיי פארציילן פאר מיין גאנצע משפחה ווי שטארק יעדער האט מיך ליב! אסתר המלכה האט היינט געמאכט א סעודה, און קיינער קען נישט קומען, נאר איך המן! איך בין אזוי פריילין! אבער, ווען איך קום ארויס פון דארט, און יעדער ביקט זיך פאר מיר, אויסער איין מרדכי, וואס ער וויל זיך נישט ביקן פאר מיר. ער מאכט מיר אזוי גערעגט, אז איך פיל איך פלאטץ!! איך מוז עפעס טון. געטס מיר עפעס אן עצה.

**טאטע:** המן'ס פרוי האט געהייסן זרש, און זי האט געזאגט:

**זרש:** המן, דו דארפסט נישט זיין אויפגערעגט. איך האב א גוטע עצה. בוי א תלי'! דאס מיינט, נעם א ריזיגע גרויסע האלץ וואס איז פופציג איילן! שטעק עס אריין אין די זאמד, אזוי ס'זאל זיין זייער הויך.



אזן מארגן גיי זאג פאר די קעניג אחשורוש, אז מרדכי וויל זיך נישט ביקן צו דיר, און דו גייסט אים שוין אויפהענגען אויף די האלץ, און ער זאל שטארבן. א גוטע עצה?

**המן:** גוט גוט. א גוטע עצה! עטס הערטס? איך גיי שוין ארבעטן. איך גיי בויען דעם גרויסן, לאנגען האלץ, און מארגן גיי איך גיין צו אחשורוש'ן אז מ'זאל שוין אויפהענגען מרדכי.

CD 1 - Track 11




**עֲצוּ עֵצָה וְתֻפָר דַּבְּרוּ דָבָר וְלֹא יָקוּם כִּי עִמָּנוּ אֵל.**

CD 1 - Track 12

**טאטע:** ששש.... ס'איז אינמיטן די נאכט!! יעדער שלאפט. אבער המן הרשע איז נישט געגאנגען שלאפן. ער איז אויפגעווען אגאנצע נאכט, און געארבעט שווער צו בויען די תלי', די גרויסע האלץ.

אבער מרדכי הצדיק איז אויך נישט געגאנגען שלאפן, ווייל ער האט געהאלטן אינמיטן בעטן פון די הייליגע באשפער זאל צורייסן די שלעכטע גזירה, אבער די גזירה איז נאך אלץ נישט געווען צוריסן.

**מרדכי:** הייליגע באשעפער, האב רחמנות אויף דיינע אידן. געב א קוק, יעדער טוט תשובה. זיי אונז מוחל!!

היילגע אבות, אברהם אבינו, יצחק אבינו, און יעקב אבינו קומטס ארויס פון גן עדן, און בעטס ביים הייליגן באשעפער, אז ער זאל צורייסן פון אונז די שלעכטע גזירה!



**טאטע:** אבער די הייליגע באשעפער האט נאך אלץ נישט געוואלט צורייסן די גזירה! עטס ווייסטס וואס מרדכי הצדיק האט געטון?

CD 1 - Track 13

**טאטע:** מרדכי הצדיק האט צוזאמגענומען אלע קליינע אינגעלעך פון חדר, און זיי האבן געפאסט, זיי האבן גארנישט געגעסן, נישט פרישטאג, אויך נישט לאנטש, אויך נישט סאפער.

די אינגעלעך זענען געזעצן מיט מרדכי הצדיק אויף די פלאר, און זייער שטארק געוויינט און געבעטן פון די הייליגע באשעפער אז ער זאל יא מוחל זיין די אידן, און יא צורייסן די שלעכטע גזירה.



די הייליגע

# יום טוב פורים

און די אידישע קינדער זאלן בלייבן לעבן, און קענען ווייטער לערנען די הייליגע תורה, און דינען די הייליגע באשעפער!

עס זענען געקומען מאמעס און געברענגט עסן פאר די קינדער, אבער די קינדערלעך האבן געזאגט:

**קינד:** מאמע, וויאזוי קען איך עסן? המן הרשע וויל אונז הרג'ענען! מיר מוזן ווייטער בעטן פון די הייליגע באשעפער. מיר מוזן איינרייסן וועלטן און אויס'פועל'ן א ישועה!

**מרדכי:** **שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ הַשֵּׁם.**

**קינדער:** **שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ הַשֵּׁם.**

**מרדכי:** **הַשֵּׁם שִׁמְעָה בְקוֹלִי תִּהְיֶינָה אָזְנֶיךָ קַשֻּׁבוֹת לְקוֹל תַּחֲנוּנָי.**

**קינדער:** **הַשֵּׁם שִׁמְעָה בְקוֹלִי תִּהְיֶינָה אָזְנֶיךָ קַשֻּׁבוֹת לְקוֹל תַּחֲנוּנָי.**

**מרדכי:** **אִם עֲוֹנוֹת תִּשְׁמָר קָהּ הַשֵּׁם מִי יַעֲמֹד.**

**קינדער:** **אִם עֲוֹנוֹת תִּשְׁמָר קָהּ הַשֵּׁם מִי יַעֲמֹד.**

**מרדכי:** קינדערלעך, זאגטס נאך מיר:

**הייליגע באשעפער... הייליגע באשעפער!**

**אין זכות פון די הייליגע תפלות... אין זכות פון די הייליגע תפלות!**

**וואס מיר דאווענען יעצט צו דיר... וואס מיר דאווענען יעצט צו דיר!**

**צורייס די שלעכטע גזירה פון המן... צורייס די שלעכטע גזירה פון המן!**

**און ברענג אונז שוין די ישועה...און ברענג אונז שוין די ישועה!**

**"הייליגע באשעפער, העלף!!"**



CD 1 - Track 14

ניגון

# תְּשׁוּבָה

בַּאשֶׁעפֶער אוּנְזֶער טַאטֶע הֶער אוּנְז אוֹיס מִיר וֵויינֶען צוּ דִיר

מִיר פַּאסְטְן, מִיר דַאוֶונֶען אוּן מִיר בֶּעטְן אָן אַ שִׁיעוּר

הָאבּ רַחְמָנוּת עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה

הָמָן הָרָשָׁע וִויל הַרְגֶ'ענֶען אַלֶע אִידְן אוֹיף אַמָאל וֵוייל מִיר הָאבְּן גֶעטוּן אַ עֲבֵירָה

מָרְדְכַי הַצַדִיק הָאט גֶעזָאגְט נִישְׁט גֵיין צוּ דִי סְעוּדָה

מִיר הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דִי יֵצֶר הָרָע אוּן יָא גֶעוֶוען

עֶסְן מִיט גוֹיִם אִיז נִישְׁט קֵיין אִידִישֶׁע מִדָה

אוּן וֶועגְן דֶעם אִיז דִי גְזֵירָה גֶעשֶׁען

אוֹי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער צוּרֵייס דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה מִיר בֶּעטְן מִיט טְרֶערְן

מִיר טוּעֶן תְּשׁוּבָה פַאר דִיר

פוּן הָמָן הָרָשָׁע נִישְׁט אוּמְגֶעבְּרֶענְגְט וֶוערְן

מִיר וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְפִירן בֶּעסֶער פוּן פְרִיעֶר

אוֹי זֵיי אוּנְז מוֹחְל מִיר זָאגְן צוּ, מִיר וֶועלְן מֶער נִישְׁט גֵיין

צוּ אַ סְעוּדָה מִיט אַ גוֹי וֶועלְן מִיר מֶער נִישְׁט עֶסֶן

מִיר וֶועלְן זֵיין וואוֹיל אוּן פָאלְגְן נָאר דִי יֵצֶר טוֹב שֵׁיין

אוּן וָואס אַ צַדִיק הֵייסְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן!



CD 1 - Track 15

**טאטע:** די הייליגע באשעפער האט אזוי שטארק ליב די קליינע הייליגע קינדערלעך מער פון יעדן איינעם! און ווען א קליין אינגעלע אדער מיידעלע בעט עפעס, הערט די הייליגע באשעפער גלייך אויס! קינדערלעך, דא האבן מיר געהאט מרדכי הצדיק, אסתר המלכה, אלע טאטעס, אלע מאמעס, יעדער האט אזוי געוויינט. אפילו אברהם, יצחק, און יעקב אבינו האבן אזוי שטארק געבעטן, אבער ס'איז נישט געווען גענוג. און ווען מרדכי הצדיק האט צוזאמגענומען אלע קליינע קינדערלעך, און זיי האבן געבעטן פון די הייליגע באשעפער אז ער זאל צורייסן די שלעכטע גזירה, האט די הייליגע באשעפער גלייך געזאגט, אז אין זכות פון די הייליגע אינגעלעך און מיידעלעך וואס זענען אזוי וואויל, וועגן זיי גיי איך יעצט ראטעווען אלע אידן, און המן גייט גארנישט קענען טון! און די הייליגע באשעפער האט צוריסן די שלעכטע גזירה!

**די גזירה איז צוריסן!**

**און יעצט גייט די הייליגע באשעפער מאכן די נס פון פורים!**

CD 1 - Track 16

## קאפיטל ו'

**טאטע:** שא שטיל... אינמיטן די נאכט. אחשורוש שלאפט אויף זיין בעט. האט די הייליגע באשעפער געשיקט א מלאך זאל אויפוועקן אחשורוש, און די מלאך האט אים געגעבן א שטופ...

**אחשורוש:** אוי!! ווער האט מיך אויפגעוועקט? ווער איז דא? אה קיינער. איך גיי צוריק שלאפן... איך קען נישט איינשלאפן. מאאאמי! איך קען נישט איינשלאפן! עטס ווייסטס? איך בין זייער נערוועז. פארוואס מאכט אסתר א סעודה? וואס וויל אסתר? ווער ווייסט? אפשר וויל מיך איינער טון א שלעכטע זאך? פארוואס קומט קיינער נישט אויסזאגן? אפשר האט מען מיך נישט ליב? איך מוז מיך דערמאנען. באדינער, ברענגט מיר אריין מיין גרויסן בוך, דארט שטייט אריינגעשריבן אלע מענטשן וואס האבן מיך אמאל געטון א גוטע זאך.



**טָאטע:** די באדינער איז געווען המן׳ס אינגעלע, און ער האט אויפגעמישט די גרויסע בוך און ער זעט אז ס׳איז ארייגעשריבן די מעשה אז מרדכי הצדיק האט אויסגעזאגט בגתן און תרש, און מרדכי האט געראטעוועט די קעניג׳ס לעבן. האט די באדינער געטראכט:

**באדינערס:** נע, איך וויל נישט אחשורוש זאל דאס זען. ער וועט נאך וועלן געבן פאר מרדכי א גוטע זאך. מיין טאטע המן האט זייער נישט ליב מרדכי. איך גיי עס שנעל אוועקמישן...

**טאטע:** האט די הייליגע באשעפער געשיקט א מלאך, און די מלאך האט צוריקגעמישט די פעיפער.

**באדינערס:** נע, איך מיש נאכאמאל אוועק.

**טאטע:** און די מלאך האט עס נאכאמאל צוריקגעמישט.

**באדינערס:** ווער מישט דאס צוריק?

**טאטע:** אזוי אפאר מאל, ביז אחשורוש האט זיך שוין אויפגערעגט.

**אחשורוש:** די מישסט אהער אהין! קענסטו אויפהערן צו מישן? געב אהער. וואס שטייט דא? ליין הויך!

**באדינערס:** איינמאל האט בגתן און תרש געוואלט ארייגלייגן א סם און די קעניג׳ס וויין, און הרג׳ענען אחשורוש. מרדכי האט עס געהערט און שנעל אויסגעזאגט. די פאליס איז געקומען און מ׳האט אויפגעהאנגען בגתן און תרש אויף א בוים. אלעס וועגן מרדכי האט זיי אויסגעזאגט. מרדכי האט געראטעוועט די קעניג אחשורוש׳ס לעבן!

**אחשורוש:** וַואו!! די אידישע רב מרדכי? אזוי? ער האט מיר געטון אזא גוטע זאך. האב איך שוין געגעבן פאר מרדכי א פרייז? א קענדי? א לאלי פאפ?

**באדינערס:** ניין אחשורוש. דו האסט אים נאך גארנישט באצאלט. ער האט נאך גארנישט באקומען פון דיר.

**המן:** הע הע, איך גיי יעצט זאגן פאר׳ן קעניג, אז איך גיי אויפהענגן מרדכי אויף די תלי׳, ווייל ער וויל זיך נישט ביקן צו מיר!

**אחשורוש:** איינער דרייט זיך אין מיין הויז אינמיטן די נאכט? ווער קען דאס זיין?

**המן:** קנאק קנאק קנאק... המן איז דא!

**באדינערס:** קעניג אחשורוש, המן איז אינדרויסן.



**אחשורוש:** אהה, המן? המן! אה, רוף אים אריין.

**המן:** אהה... אחשורוש!

**אחשורוש:** אינמיטן די נאכט!

**המן:** יא, איך קום אינמיטן די נאכט. ס'איז מורא'דיג וויכטיג!

**אחשורוש:** איך האב אויך עפעס וואס ס'איז מורא'דיג וויכטיג. ס'איז דא א מענטש וועם איך האב זייער ליב, און איך וויל אים באצאלן מיט זייער א גוטע זאך. וואס זאל איך טון מיט אים?

**טאטע:** המן הרשע טראכט צו זיך:

**המן:** אההה... וועם קען שוין די קעניג ליב האבן מער ווי מיר המן? מן הסתם וויל די קעניג מיר געבן זייער א גוטע זאך. הממם... ווייסט וואס איך טראכט? איך וועל אים זאגן וואס צו טון. מיין טייערע קעניג אחשורוש, נעם די מענטש וואס דו ווילסט געבן א גוטע זאך - מיך. און טו אים אן מיט דיינע שיינע, קעניגליכע קליידער - פאר מיך. און אויך טו אים אן דיין שיינע קעניגליכע קרוין - פאר מיר המן. און אויך זעץ אים ארויף אויף א גרויסע, שיינע, קעניגליכע פערד, און פארשטייט זיך מיט א באדינער וואס זאל שלעפן די פערד, און אויסרופן הויך: "אזוי דארף מען טון פאר א מענטש וועם די קעניג האט ליב!!"

**קינד:** הע הע הע, דו נער'ישע המן! דו מיינסט אז דו גייסט באקומען דא כבוד? יעצט הייבט זיך אן דיין מפלה, און די הייליגע באשעפער גייט נקמה נעמען אין דיר המן הרשע!

## לייגט אריין CD 2

CD 2 - Track 1

**אחשורוש:** המן! זייער א גוטער פלאן. נעם שוין מיינע שיינע קליידער, און אויך מיין קרוין, און אויך מיין שיינע פערד. זוך אויף דעם איד מרדכי, און זעץ 'אים' ארויף אויף די פערד, און דו המן ווערסט שלעפן די פערד און טאקע אויסרופן הויך, אז 'אזוי דארף מען טון צו א מענטש וועם די קעניג האט ליב'! האסט געהערט? גיי שוין!!



**המן:** איך המן? זאל געבן כבוד פאר מרדכי? ווען איך האב געוואלט אויפהענגען? נאו נאו נאו...

**אחשורוש:** זאג מיר נישט נאו! די מוזט עס טון!

**המן:** איך מוז עס נישט טון! נישט פאר מרדכי, אה נאו נאו...

**אחשורוש:** וואס? איך בין דער קעניג אחשורוש, און איך באפעל דיר דו זאלסט שוין אויפזוכן מרדכי און טון אלעס וואס איך האב דיר געהייסן!

**המן:** אקעי... וואו איז מרדכי? וואו איז ער? ער איז נישט אינדערהיים.

**קינד:** מרדכי הצדיק איז אין שול, צוזאמען מיט אלע אינגלעך פון חדר.

**טאטע:** המן הרשע איז שנעל געגאנגען צו די גרויסע שול, און געטראפן מרדכי הצדיק האלט אינמיטן לערנען מיט אלע אינגעלעך די הייליגע תורה.



גענומען פון ביך: א הילף פאר די קינד



**מרדכי** עטס זעטס קינדער, קוקטס אויף מיינע פינגערס. אזוי מאכט מען א קומץ, און אזוי האט עס די כהן גדול גענומען און ארויפגעלייגט און מקריב געווען אויף די מזבח.

**קינדער:** אהא...

**המן:** מרדכי, מרדכי...

**מרדכי** המן, דו ביסט מיר געקומען נעמען אויף די תלי׳? די גייסט מיך יעצט הרג׳ענען?

**המן:** ניין. ענקער גרויסע באשעפער שטראפט מיך. די קעניג אחשורוש האט מיר געהייסן אז איך זאל דיך מרדכי אנטון זייער שיינע קליידער מיט א קרוין און דיך ארומפירן אין די גאנצע שטאט!

**מרדכי** וואס? די מאכסט א דזשאוק?

**המן:** ניין ניין ניין...

**מרדכי** דו מיינסט עס ערנסט?

**המן:** איך מיין עס זייער ערנסט. קום שנעל איך מוז פאלגן דעם קעניג אחשורוש, אז נישט וועט ער שיקן פאליס מיך טראגן אין דזשעיל.

**מרדכי** אהא, אבער וויאזוי קען איך אנטון די שיינע קליידער? עס איז שוין דריי טעג וואס איך האב גארנישט געגעסן. איך האב א זאק, מיט ברעקלעך אש און איך בין אויך זייער שמוציג, און מיין האר איז דאך אזוי גרויס, דו דארפסט מיך אפוואשן, און אפשערן, און נאכדעם קען איך ארויפגיין אויף די פערד.

**המן:** איך האב נישט קיין ברירה. קום קום, לאמיר גיין.

**טאטע:** אסתר המלכה האט באפוילן:

**אסתר:** איך אסתר המלכה באפעל אז אלע פלעצער ווי מען שערט אפ האר, זאלן שוין צושפארן זייער סטאר, און יעדער זאל ארויסקומען און זען ווי המן אליין שערט אפ מרדכי הצדיק..

**המן:** אוי... איך המן מוז שערן די האר פון מרדכי? עס פאסט מיר נישט... איך שעם מיך...

**קינד:** המן האט זיך גוט פארשעמט. גוט פאר דיר! ס׳קומט זיך דיר! די רשע! די עמלקי!



**טאטע:** נאכדעם האט המן געברענגט די שיינע גרויסע פערד, וואס נאר א קעניג נוצט, די פערד איז געווען זייער הויך.

**מרדכי** אזא הויכע פערד? איך האב נישט קיין כח ארויפצוקריכן. המן, דו בייג זיך אראפ און איך וועל ארויפטרעטן אויף דיר אזויווי א בענקל, אין אזוי ארויפקריכן אויף די פערד.

**המן:** איך המן זאל מיך אראפבייגן? וואס נאך דארף איך טון?

**מרדכי** נו בייג זיך אראפ. אזוי.. אזוי, אט אזוי!

**המן:** אוי אַהו! פארוואס שטויסטו מיר?

**מרדכי** אויף דיר המן איז א מצוה צו שטויסן!

**טאטע:** און אלע מענטשן פון די שטאט שושן זענען ארויסגעקומען.



אסתר המלכה האט צוזאמגענומען די אלע טויזנטער אידישע קינדערלעך און זי האט זיי אנגעטון זייער שיין, און געגעבן הערליכע זאכן צו האלטן אין די רעכטע הענט און די לינקע הענט און זיי האבן עס געוויזן הויך, און יעדער האט זיך געפרייט צו זען וויאזוי מרדכי הצדיק זיצט אויף די פערד אנגעטון מיט קעניגליכע קליידער, און א קרוין אויף זיין קאפ, און המן הרשע פירט אים ארום.

**המן:** **ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו!!! אזוי דארף מען טון פאר א מענטש וועמען די קעניג אחשורוש האט זייער ליב!**

**קינדער:** מרדכי הצדיק איז אויף די פערד און המן שלעפט אים! א מחיה!

**קינד:** המן'ס מיידעלע האט גענומען א גארביטש קען, אנגעפולט מיט שמוציגע גארביטש, זי האט זיך ארויסגעשטעקט פון די פענסטער און געוואלט אנגיסן מרדכי הצדיק מיט גארביטש, אבער די הייליגע באשעפער האט געמאכט, און די גאנצע גארביטש איז געפלויגן אויף המן'ס קאפ! הא הא הא...



**טאטע:** המן האט געשמעקט פון גארביטש... אזוי האט המן ארומגעפירט מרדכי הצדיק איבער די גאנצע שטאט. נאכדעם איז המן הרשע שנעל אהיימגעלאפן, און ער האט פארציילט פאר זיין פרוי זרש וואס ס'איז געשען צו אים. אבער זרש האט געזאגט פאר המן:

**זרש:** אוי המן, דער מרדכי איז א איד. זיין גרויסע באשעפער נעמט נקמה. און יעצט גייסטו פאלן פאר אים.

**המן:** לאמיך כאטשיק נעמען א שויער אין זיך אפוואשן פון אלע שמוץ! און...

**באדינערס:** קנאק קנאק... המן, די קעניג האט געשיקט דיך רופן. שנעל! דו דארפסט גיין צו די סעודה וואס אסתר המלכה האט געמאכט. שנעל שנעל שנעל! נישטא קיין צייט!

**המן:** לאמיך כאטשיק נעמען א שויער!

**באדינערס:** גיי נישט יעצט אין שויער. נו געגאנגען, נו קום!

CD 2 - Track 2

## קאפיטל ז'

**טאטע:** ביי די סעודה האט אסתר המלכה געגעבן צו טרינקען אסאך גוטע וויין וואס אחשורוש האט זייער ליב, און אחשורוש איז געווארן אין זייער א גוטע מָאד, און ער האט געפרעגט נאכאמאל פון אסתר:

**אחשורוש:** וואס ווילסטו אסתר? בעט וואס די ווילסט? איך וועל דיר, איך בין דיר גרייט צו געבן אפילו האלב פון מיין פארמעגן! אבער זאג שוין וואס? וואס איז עס?

**טאטע:** יעצט האט אסתר המלכה אנגעפאנגען צו וויינען, און זי האט פארציילט פאר אחשורוש וואס המן הרשע וויל טון!

**אסתר:** מיין טייערע קעניג אחשורוש, דער המן האט אונז פארקויפט פאר געלט. אין די דרייצנטע טאג און חודש אדר, גייט המן מיט אלע גוים אויס'הרג'ענען אלע אידן. אחשורוש, יעצט וועל איך דיך יא אויסזאגן ווער איך בין. איך בין א איד! המן וויל מיך אויך הרג'ענען! קעניג, האב רחמנות!



**אחשורוש:** ווער? וואס? ווער וויל דיך הרג'ענען??

**אסתר:** אט דער שלעכטער "המן" וויל אויס'הרג'ענען אלע אידן!!

**אחשורוש:** וואס?? המן וויל טון אזא שלעכטע זאך? איך בין אזוי אויפגערעגט! איך בין... אוי איך דארף לופט... איך בין הייס... איך דארף לופט... איך גיי ארויס שעפן אביסל פרישע לופט. איך ביין זייער אויפגערעגט... המן...

**טאטע:** אחשורוש איז ארויסגעגאנגען אין זיין שיינע גארטן, ווי ער האט געהאט הערליכעביימער און זייער שיינע בלומעלעך. ער האט זיך געוואלט אביסל בארואיגן. די הייליגע באשעפער האט געשיקט מלאכים, און די מלאכים האבן אויסגעקוקט פונקט אזוי ווי המן'ס קינדער, און זיי האבן געהאט גרויסע מעסערס וואס קען צושניידן א בוים, און זיי האבן אפגעהאקט און צושניטן די אלע הערליכע ביימער, און אראפגעווארפן די זייער שיינע בלומען אויף די גראז! אחשורוש האט געמיינט אז ער פלאצט!!

**אחשורוש:** פארוואס צושניידסטו מיינע שיינע ביימער??

**מלאך:** אונזער טאטע המן האט געהייסן. אלעס צוברעכן!

**אחשורוש:** וואס?? וואו איז ער?

**טאטע:** אחשורוש לופט שנעל צוריק אריין אינעווייניג, אנשרייען המן און אחשורוש זעט ווי המן הרשע שטייט נעבן אסתר המלכה און בעט זיך צו איר. אחשורוש האט געמיינט אז המן וויל איר עפעס טון.

**אחשורוש:** המן! וואס טוסטו מיט אסתר לאז איר אפ! לאז איר אפ!

**חרבונה:** מיין קעניג אחשורוש, איך הייס חרבונה. דו ווייסט? המן האט געבויט א תלי', א גרויסע האלץ, און ער וויל אויף דעם אויפהענגען מרדכי וואס האט געראטעוועט דיין לעבן און דו האסט אים אזוי ליב.

**אחשורוש:** אזוי?? איך גלייב נישט! המן וויל אויפהענגען און הרג'ענען מרדכי וועם איך האב ליב? הענגט אויף "המן הרשע" אויף די תלי'!!

**טאטע:** און מ'האט גענומען דער רשע המן, און מ'האט אים געטראגן צו די תלי'!

**קינדער:** קוקטס, מען גייט אויפהענגען המן!

**המן:** די גראבע שטריק? יוי...

**טאטע:** מ'האט ארויפגעלייגט די גרויסע שטריק ארום זיין האלדז, און מ'האט אים ארויפגעצויגן הויך...



**המן:** ביז אויבן?

**טאטע:** העכער, העכער, העכער, הויך הויך הויך... פופציג איילן אויף די ריזיגע גרויסע האלץ! אויף וואס המן האט געוואלט אויפהענגען מרדכי הצדיק, האט די הייליגע באשעפער געמאכט אז מ'האט יעצט אויפגעהאנגען "המן" אויף דעם! און המן האט געהאנגען!!

**קינדער:** המן הענגט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם!

**קינד:** אלע רשעים זאלן האבן אזא מפלה!

**קינד:** המן איז געשטארבן, און אחשורוש האט זיך בארואיגט.

CD 2 - Track 3 / Track 4 / Track 5

## ניגון – לַיְּהוּדִים

**לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן וִיקָר**

CD 2 - Track 6

### קאפיטל ח'

**אחשורוש:** איך נעם המן'ס גרויסע הויז, און איך געב עס פאר דיר אסתר המלכה.

**אסתר:** יישר כח קעניג. המן איז טאקע טויט, אבער אלע גוים האבן באקומען א בריוו און געזיגלט מיט דיין רינגל אז די דרייצנטע טאג אין חודש אדר מעגן זיי אויס'הרג'ענען אלע אידן.

**אחשורוש:** יעצט געב איך 'דיר' מיין רינגל וואס האט א זיגל.

**אסתר:** אה! ישר כח ישר כח!

**אחשורוש:** נו, גייטס שרייבן נייע בריוו'ן.



**טאטע:** מרדכי הצדיק און אסתר המלכה האבן גערופן די אלע מענטשן פון די קעניג וואס זיי קענען זייער שנעל שרייבן א בריוו, און זיי האבן געשריבן טויזנטער בריוו'ן זייער שנעל, און זיי האבן עס געזיגלט מיט די קעניג'ס רינגל, אזוי יעדער וועט עס מוזן פאלגן, און אין די בריוו איז געשטאנען:

**קינד:** אין די דרייצנטע טאג און חודש אדר, וועלכע גוי עס וויל טון א שלעכטע זאך פאר א איד, מעגן די אידן מאכן א מלחמה און זיי אלע אויס'הרג'ענען!

**טאטע:** מ'האט גענומען די אלע בריוון, מ'האט עס אריינגעפאקט אין גרויסע בעגס, און די באדינערס וואס זיי קענען רייטן שנעל אויף א פערד, זענען ארויפגעשפרינגען אויף די פערד, מ'האט עס געגעבן א שמוץ, און זייער אסאך פערד האבן אנגעפאנגען צו לויפן זייער זייער שנעל.

זיי זענען אנגעקומען אין אלע פלעצער ווי אחשורוש איז געווען קעניג, און פאר יעדן איינעם האט מען שנעל געגעבן די בריוו אז די גוים מעגן 'נישט' הרג'ענען די אידן, נאר פארקערט "ונהפוך הוא" די אידן גייען מעגן הרג'ענען די גוים!



**קינד:** און די קעניג אחשורוש האט געמאכאט מרדכי הצדיק פאר א "משנה למלך", און מרדכי הצדיק איז ארויסגעגאנגען פון די קעניג אחשורוש אנגעטון מיט 'הערליכע קליידער' און א הערליכע קרוין, און יעדער האט זיך אזוי געפרייט און ס'איז געווארן לוסטיג און לעבעדיג!

**קינדער:** מרדכי הצדיק איז די משנה למלך, יעי..

CD 2 - Track 7 / Track 8

ניגון

## שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב

**שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי. תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר. לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קוֶֹיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ. אָרוּר הָמָן אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ לְאַבְּדִי. בָּרוּךְ מָרְדְּכַי הַיְּהוּדִי. אֲרוּרָה זֶרֶשׁ אֵשֶׁת מַפְחִידִי. בְּרוּכָה אֶסְתֵּר בַּעֲדִי. אֲרוּרִים כָּל הָרְשָׁעִים בְּרוּכִים כָּל הַצַּדִּיקִים. וְגַם חַרְבוֹנָה זָכוּר לַטּוֹב.**

CD 2 - Track 9

**טאטע:** די אידישע קינדער האבן זיך אזוי געפרייט אז די הייליגע באשעפער האט געמאכט אזא גרויסע נס.

**קינד:** מ'האט זיך געפרייט אז מ'קען ווייטער לערנען די הייליגע תורה.

**טאטע:** שבועות האבן די אידן געזאגט נעשה ונשמע, ווען דער הייליגע באשעפער האט געהאט א גרויסע בארג העכער זייער קאפ. אבער יעצט ביי די נס פון פורים, האבן זיך אלע אידן נאכאמאל אונטערגענומען, און זיי האבן מקבל געווען די הייליגע תורה אזויווי מ'געבט עס יעצט נאכאמאל נייערהייט.

**קינד:** לערנען די הייליגע תורה איז בעסער פון אלע נאש, בעסער פון אלע טויס. ווען מ'לערנט די הייליגע תורה ווערט מען זייער נאנט צו די הייליגע באשעפער און מ'ווערט זייער הייליג!



CD 2 - Track 10

## קאפיטל ט' און י'

**טאטע:** ווען עס איז אנגעקומען די דרייצנטע טאג פון חודש אדר וואס די גוים האבן געוואלט הרג'ענען די אידן, האט די הייליגע באשעפער געמאכט "ונהפוך הוא" פונקט פארקערט! די אידן האבן געמאכט א מלחמה מיט די גוים און אויסגע'הרג'עט זייער אסאך גוים, און די אידן האבן נישט גענומען די גוי'אישע פארמעגן, ווייל א איד טאר נישט האבן גוי'אשע זאכן.

CD 2 - Track 11




**וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים הֵמָּה בְּשֹׂנְאֵיהֶם**

CD 2 - Track 12

**קינד:** אין די שטאט שושן אליין, האבן די אידן גע'הרג'עט פינעף הונדערט גוים, און אויך האבן די אידן גע'הרג'עט המן הרשע'ס צען קינדער. זיי האבן געהייסן: **פַּרְשַׁנְדָּתָא, דַּלְפוֹן, אַסְפָּתָא, פּוֹרָתָא, אֲדַלְיָא, אֲרִידָתָא, פַּרְמַשְׁתָּא, אֲרִיסַי, אֲרִידַי, און וַיְזָתָא.** און די צען קינדער פון המן, האט מען אויך אויפגעהאנגען אויף די תלי'.

**טאטע:** און פורים ווען מ'ליינט די מגילה און שול זאגט מען די צען נעמען מיט איין אטעם. ווער קען זאגן די צען נעמען אין איין אטעם?

**קינד:** איך...

**טאטע:** לאמיך הערן. פאנג אן, איינס, צוויי, דריי...



**קינד:** ההה... **פַּרְשַׁנְדָּתָא, דַּלְפוֹן, אַסְפָּתָא, פּוֹרָתָא, אֲדַלְיָא... אֲרִיסַי**... איך קען נישט... די בעל קורא קען אין שול...

**קינד:** נעה... געב נישט אויף! פראביר נאכאמאל. דו ווייסט דו קענסט נאך איינמאל זיין א עכטע בעל קורא? נו געגאנגען, יעצט גייסטו קענען, וועסטו זען.

**קינד:** **פַּרְשַׁנְדָּתָא, דַּלְפוֹן, אַסְפָּתָא, פּוֹרָתָא, אֲדַלְיָא, אֲרִידָתָא, פַּרְמַשְׁתָּא, אֲרִיסַי, אֲרִידַי, וַיְזָתָא.**

**טאטע:** זייער גוט!

**קינד:** געוואלדיג! איך האב געוואוסט אז דו קענסט.

**טאטע:** און עטס ווייסטס? אז די אידן אין שושן האבן געבעטן פון אחשורוש, אז זיי ווילן האבן נאך איין טאג צו ענדיגן האלטן מלחמה מיט אלע גוים, און אחשורוש האט געזאגט: אקעי. פאר דעם האלטן מיר נאך איין טאג פורים,

און דאס הייסט "**שושן פורים**".

**טאטע:** און דאס איז געווען די מעשה פון די הייליגע מגילה, וואס מרדכי הצדיק און אסתר המלכה האבן אפגעשריבן.

**קינד:** וַואו! אזא לאנגע מעשה! ישר כח טאטי. די ראש חודש סאפער, האב איך די בעסטע ליב געהאט!

**טאטע:** און יעצט קינדערלעך גייען מיר זינגען א שיינע ניגון לכבוד ראש חודש אדר.

CD 2 - Track 13




## קֵלִי אַתָּה וְאוֹדֶךָּ אֱלוֹקֵי אֲרוֹמְמֶךָּ



CD 2 - Track 14

**טאטע:** אזוי ווי עס קומט שוין באלד די הייליגע יום טוב פורים, לאמיך ענק דערמאנען עטליכע וויכטיגע זאכן. יעדעס יאר פורים ווען מ׳ליינט די מגילה, איין מאל פורים ביינאכט און איין מאל פורים אינדערפרי, דארף א אינגעלע זיצן זייער שיין נעבן די טאטע, און מ׳דארף זיין זייער שטיל א גאנצע צייט, ווייל אלע טאטעס און אויך מאמעס דארפן קענען הערן יעדע איינציגע ווארט פון די הייליגע מגילה.

נאר ווען מליינט די ווארט "המן" שטעלט מען זיך אפ. יעדער קלאפט מיט די פוס, מיט א גראגער, ווייל ס׳איז א גרויסע מצוה צו אויסמעקן דעם ׳המן׳ וואס ער שטאמט פון עמלק.

**קינד:** איך וויל ווארפן סנעפס, טראסקענען פורים באמבעס, און שלעפן די שטריק וואס פלאצט א פייער...

**טאטע:** מענדי, ס׳איז נישט שיין צו ברענגען און ווארפן אין א הייליגע שול, סנעפס אדער אנדערע נער׳ישע שטיקעס, וואס קען מאכן א שמוץ, און ס׳שטערט עלטערע אידן, און ס׳איז אויך א סכנה! מענדי, א ווואילע איידעלע אינגל טוט דאס נישט!

**יוסי:** אבער חיים פון מיין קלאס ברענגט יא אייביג!

**טאטע:** קודם, ווען א טאטע אדער א מאמע הייסט עפעס, זאגט מען נישט "אבער" ס׳איז נישט דרך ארץ.

**קינד:** מענדי, וואס גייט דיך אן וואס חיים טוט? חיים איז נישט אונזער ביזנעס. אונז דארפן פאלגן אונזער טאטע און אונזער מאמע!

**יוסי:** אנטשולדיגט טאטי! איך גיי ברענגען נאר א גראגער! און ס׳גייט גררררראגערן...

**טאטע:** אה, דו ביסט זייער א ווואילע אינגל. אבער נישט צו לאנג. מ׳געט א דריי, מ׳שטויסט מיט די פיס אויף די פלאר און מ׳הערט שיין אויס ווייטער די הייליגע מגילה.

אויך שטייט אין די הייליגע מגילה, אז מ׳טראגט משלוח מנות, און מ׳טיילט צדקה. די גרויסע בחורים גייען ארום נאך געלט, און פורים טרינקט מען וויין.



**"אבער א אינגעלע טאר נישט טרינקען עכטע וויין,** נאר טאטעס מעגן". אמת? א אינגעלע מעג נאר טרינקען גרעיפ דזשוס וויין. און פורים עסט מען המן טאשן. דאס אלעס טיען מיר, ווייל מיר ווילן זיין פרייליך און מאכן אסאך גוטע חברים און לעבן בשלום און מיט אחדות.

CD 2 - Track 15

ניגון

## חַיָיב אִינִיש

### חַיָיב אִינִיש לְבְּסוּמֵי בְּפּוּרַיָא עַד דְלֹא יָדַע

CD 2 - Track 16

**טאטע:** איין טאג פאר פורים הייסט "תענית אסתר", און יעדער פאסט צו געדענקען וואס די אידישע קינדער האבן געפאסט ווען זיי האבן איבערגעבטן די הייליגע באשעפער.

און קינדערלעך טייערע געדענקט, פורים איז זייער א הייליגע טאג. יום כיפור הייסט יום "כ'פורים" ס'איז כמעט אזוי הייליג ווי פורים, אבער פורים איז נאך הייליגער ווי יום כיפור. מ'דארף זיין זייער פרייליך, אבער נישט צולאזט. חלילה נישט טון ווילדע זאכן. קינדערלעך געדענקטס, **פורים אפילו מ'איז פרייליך דארף מען אויך פאלגן א טאטע מיט א מאמע מיט איין מאל הייסן און...**

**קינדער:** מיט א שמייכל!!

**קינד:** מיין רבי האט געזאגט אז פורים האבן מיר פיר מצוות:

איינס: **ליינען די הייליגע מגילה.**

צוויי: **מאכן א פורים סעודה.**

דריי: **שיקן משלוח מנות.**

און פיר: **טיילן צדקה.**



CD 2 - Track 17

**קינד:** טאקע ווייל די הייליגע באשעפער האט מיך אמת'דיג אזוי שטארק ליב, און מיר קינדער האבן אויסגע'פועל'ט די ישועה און צוריסן די שלעכטע גזירה, גיי איך אויפשטיין פורים צופרי און גיין צו חברת תהלים, און איינרייסן וועלטן אז משיח זאל שוין קומען, און אלע קראנקע אידן נעבעך, זאלן "שוין" ווערן אויסגעהיילט!

**קינד:** און איך גיי בעטן פון די הייליגע באשעפער, אז מיין טאטע וואס ארבעט אזוי שווער זאל האבן אסאך געלט און קענען טיילן אסאך צדקה!

**קינד:** איך גיי בעטן אז איך זאל זיין א ערליכע אינגל!

**קינד:** איך גיי בעטן אז איך זאל קענען לערנען פלייסיג די הייליגע תורה!

**קינד:** איך גיי בעטן אז איך זאל קענען פארשטיין די לערנען!

**קינד:** איך גיי בעטן אז איך זאל האבן אסאך יראת שמים!

**קינד:** איך גיי בעטן אז מיין טאטע און מיין מאמע זאלן זען אסאך נחת פון מיך!

**טאטע:** אה, איך האב זייער שטארק הנאה דאס צו הערן. זאל יעדע קינד געדענקען א גאנצע יאר, די הייליגע באשעפער איז זייער נאנט צו אים. ער קען אייביג בעטן פון די הייליגע באשעפער אלעס וואס מען דארף. ער האט זייער א גרויסע כח! און מען דארף עס אויסנוצן!

יעצט אז מיר קענען שוין די הייליגע מגילה, און מיר ווייסן שוין אז פורים איז זייער א הייליגע יום טוב, און מיר ווייסן שוין אז די קליינע קינדער זענען געווען 'די' וואס זיי האבן געברענגט די ישועה. לאמיר זיין פרייליך, טאנצן און דאנקען די הייליגע באשעפער פאר'ן מאכן אזא גרויסע נס!

**קינד:** איך גיי גיין צו מיין רבי פארשטעלטערהייט און מיין רבי גייט מיך נישט דערקענען!!

**קינד:** מיין רבי האט געזאגט אז א ווואילע אינגל פארשטעלט זיך נאר פאר א איידעלע זאך!

**טאטע:** זייער גערעכט! און יעצט לאמיר אלע האבן א לוסטיגן חודש אדר, און פריייליכן פורים!

**קינדער:** **א פרייליכן פורים!!!**



CD 2 - Track 18

ניגון

# תְּשׁוּעָתָם

**תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח וְתִקְוָתָם בְּכָל דוֹר וָדוֹר**



**Sponsors Ad**




Gross Printing Associates Inc.
34 - 35th Street • Brooklyn, NY 11232
Tel. 718-832-1110 • Fax. 718-832-1144
E-mail: grossprinting@gmail.com

## הערט אונזערע אנדערע

# איך האב ליב

## סידי׳ס, און האט שטארק הנאה!




געזינגען און גערעדט דורך די
הייליגע קינדערלעך קווייער

YOEL KLEIN
RECORDING STUDIO
718-344-1708

Design By: LAZER TORIM 845.371.3000